Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם-טעם

## אַ פּערִיאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 3 , נומער 2 (12)

כיסלו תשנ״ח/דעצעמבער 1997

## הונדערט יאָר בונד

דאָס יאָר 1897 איז אויף דער ייִדישער גאַס אַ וויכטיקע דאַטע - ס׳זענען דעמאָלט געבוירן געוואָרן צוויי גרויסע פּאָליטישע באַוועגונגען, ציוניזם און בונדיזם. וועגן ציוניזם האָט מען שוין אַ סך געשריבן. דאָס איז נישט דער פֿאַל פֿון בונד, וואָס




בונדישער פּלאַקאַט (וואַרשע 1930)

וועגן אים ווייס מען הײַנט פֿיל ווייניקער. דער בונד איז געגרינדט געוואָרן אין די טעג פֿון 7טן ביז 9טן אָקטאָבער 1897 אין ווילנע, אונטער דעם נאָמען „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד“. צו דער פּראָגראַם פֿון סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זענען מיט דער צײַט צוגעקומען די פּרינציפּן פֿון דער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און קולטורעלער אויטאָנאָמיע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק מיט ייִדיש ווי די פֿאָלקשפּראַך, און פֿון דער „דאָיִקייט“ (דאָס אויסלעבן זיך[1] פֿונעם ייִדישן פֿאָלק דאָ, ווו עס וווינט, אין די תּפֿוצות[2], אין קעגנזאַץ צו די ציוניסטן). דער בונד איז אויך געווען טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער זעלבשוץ[3] בשעת די פּאָגראָמען. איבער דער דאָזיקער שטעלונג[4] לטובֿת[5] דער ייִדישער ספּעציפֿישקייט האָט דער בונד נישט געקענט קומען צו קיין הסכּם[6] מיט די באָלשעוויקן, וואָס האָבן אים באַקעמפֿט און נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917 אײַנגעגלידערט[7] אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזוי אַרום האָט דער בונד אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן אין ראַטן-פֿאַרבאַנד . אין פּוילן דערפֿאַר האָט דער בונד זינט דער אומאָפּהענגיקייט פֿונקציאָנירט ווי אַ לעגאַלע, זעלבשטענדיקע פּאַרטיי און זיך אַנטוויקלט צו אַ גרויסער מאַסן-באַוועגונג. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט-מלחמה, האָט זיך דער בונד אָרגאַניזירט אין די געטאָס און לאַגערן, ווי אויך אַראויסגעשיקט שליחים[8] (ווי שמואל זיגלבוים) אין אויסלאַנד כּדי צו אינפֿאָרמירן די וועלט וועגן די נאַצישע פֿאַרברעכנס[9]. נאָכן חורבן האָט דער בונד ווידער אויפֿגעלעבט - אַ קורצע צײַט אין פּוילן און דער עיקר אין אַמעריקע און מערבֿ-אייראָפּע, אָבער אין אַ מאָס וואָס איז נישט צו פֿאַרגלײַכן מיט זײַן פֿאַר-מלחמהדיקער פּאָפּולערקייט.

הײַיאָר אין פּאַריז אין די טעג פֿון 18טן און 19טן אָקטאָבער האָט מען אין דער מעדעם-ביבליאָטעק און אין דער הויכשול פֿאַר פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן געקענט הערן אַ ריי אינטערעסאַנטע רעפֿעראַטן וועגן און אַרום בונד : זײַן פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע ראָלע אין משך פֿון די לעצטע הונדערט יאָר, זײַנע באַציִונגען מיט אַנדערע פּאַרטייען, זײַנע פּערזענלעכקייטן (ווי וול. מעדעם, וו. אַלטער און ה. ערליך), זײַן ספּעציפֿישן עטאָס. אין דער מעדעם-ביבליאָטעק קען מען נאָך ביז סוף דעצעמבער באַקוקן אַן אויסשטעלונג וועגן בונד מיט אַ רײַכן פֿאָטאָגראַפֿישן מאַטעריאַל.

1. épanouissement / self-realization ;
2. TFUTSES diaspora ; 3. autodéfense/self-defense ; 4. position/stand ; 5. LETOYVES en faveur de/in favor of ; 6. HESKEM accord/agreement ; 7. incorporé/incorporated ; 8. SHLIKHIM messagers/messengers ; 9. crimes.

## די פּאַפּאָן-פֿראַגע

גאַנץ פֿראַנקרײַך ווערט אויפֿגעטרייסלט[1] דורך דעם מישפּט [2] וואָס קומט פֿאָר די טעג אין באָרדאָ. מאָריס פּאַפּאָן איז געווען, בשעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, צווישן די העכערע מלוכה-פֿונקציאָנאַרן פֿון דער שטאָט באָרדאָ און איר אומגעגנט. די פֿראַנצייזישע אַדמיניסטראַציע האָט דירעקט אָנגעפֿירט מיט דער פֿאַרשיקונג[3] פֿון ייִדן, און דערפֿאַר איז מאָריס פּאַפּאָן געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך[4] פֿאַר דער פֿאַרשיקונג פֿון מער ווי טויזנט ייִדן - מענער, פֿרויען און קינדער.
מען קען מיינען אַז די קאַריערע פֿון אַזאַ מענטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער באַפֿרײַונג פֿון פֿראַנקרײַך. דווקא פֿאַרקערט. ער איז געבליבן אַ פֿונקציאָנאַר, און ווען גענעראַל דע גאָל איז געווען דער פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצייזישער



רעפּובליק האָט פּאַפּאָן טאַקע באַקומען אַ וויכטיקן פּאָסטן : ער איז געוואָרן דער דירעקטאָר פֿון דער פּאָליציי פֿאַר גאַנץ פּאַריז. דעמאָלט, אין 1962, בעת אַ פּאַציפֿישער פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע פֿון אַלזשיריער, האָט ער געהייסן דער פּאַריזער פּאָליציי ניצן אַלע מיטלען צו צעטרײַבן[5] די דעמאָנסטראַציע, און די פּאָליציאַנטן האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן הונדערטער אַראַבער אין טײַך סען.
שפּעטער נאָך, אין די זיבעציקער יאָרן, איז ער געוואָרן אַ מיניסטער אין דער פֿראַנצייזישער רעגירונג.
דערפֿאַר ווייס מען ניט גענוי וועמען מע מישפּט אין באָרדאָער טריבונאַל : צי איז דער באַשולדיקטער דער באַנאַלער שׂונא-ישׂראל[6] וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם באַפֿעל צו פֿאַרשיקן ייִדן, צי דער וואָס האָט געהייסן הרגענען[7] אַראַבער, צי גאָר די פּאָליטישע סיסטעם וואָס מאַכט פֿון אַ באַטייליקטן[8] אין רדיפֿות[9] - אַ מיניסטער.

1.secoué/shaken ; 2. MISHPET procès/trial ;
3. déportation/deportation ; 4. responsable/responsible ; 5. disperser/break up ;
6. SOYNE-YISROEL anti-sémite/anti-Semite ;
7. HARGENEN tuer/kill ; 8. participant ;
9. REDIFES persécutions/persecutions.

# אוי ווייי ! נאָך אַ בערזע-קראַך

די לעצטע צײַטן קען מען הערן אויף אַלע בערזעס פֿון דער וועלט אַ סך זיפֿצן[1] און קרעכצן[2].

אַלץ הייבט זיך אָן ווען, פֿון דער העלער הויט[3], לויפֿן אַראָפּ משוגענערווײַז[4] די קורסן אויף די אַזיאַטישע פֿינאַנציעלע מערק. די בערזעס פֿון טאָקיאָ און האָנג-קאָנג פֿאַלן אַראָפּ, און ווײַטער - וואָל-סטריט, פּאַריז, לאָנדאָן און בערלין אויך. ווי אַזוי קען מען זיך באַוואָרענען[5] קעגן דעם פֿאַלן פֿון די קורסן ? דאָס איז אַ קשיא[6], אַ פּײַנלעכע, פֿאַר די מעקלערס און די ספּעקולאַנטן.

אָבער פּלוצעם שטײַגן די קורסן ווידער. אַלץ ווערט בעסער. עס וואַלגערט[7] זיך געלט אין די גאַסן. עטלעכע האָבן מזל, אַנדערע ניט. אַלע מינוט בײַט עס זיך[8] : אָט איז דאָס טײַער, אָט איז דאָס וואָלוול[9], אָדער עס הייבט זיך אָדער ס'פֿאַלט, אַ רענדל[10] אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ... ווי זאָגט מנחם-מענדל : אַ בערזע איז אַ שפּיל.

1. soupirs/sighing ; 2. gémissements/groaning ; 3. *exp*. soudain/out of the blue; 4. MESHUGENER... d'une manière folle/madly ; 5. se préserver/protect oneself ; 6. KASHE question ; 7. *exp*. se ramasse dans la rue/is lying around the streets; 8. varie/change ; 9. bon marché/cheap ; 10. pièce d'or/gold coin




# מנחם-מענדל[1]

מנחם-מענדל איז איינער פֿון די באַרימטע העלדן פֿון שלום-עליכם. ער איז די פֿאַרקערפּערונג[2] פֿונעם לופֿטמענטש - אַ מענטש וואָס שטענדיק זוכט ער פּרנסה[3], נאָר לעבן לעבט ער פֿון לופֿט. אַרבעטן אַרבעט ער ווי אַ מעקלער, אַ ספּעקולאַנט, אַ שדכן[4] אפֿילו[5], און לויפֿן לויפֿט ער ווי אַ משוגענער[6]. און ווּ זוכט ער פּרנסה ? אויף דער בערזע, אַוודאי[7] ! און וווּהין פֿאָרט ער ? אין אָדעס, ווּ דען ?

דאָס בוך *מנחם-מענדל*, וואָס דערציילט זײַנע אַווענטורעס, איז געשריבן אין פֿאָרעם פֿון אַ




סעריע בריוו צווישן מנחם-מענדלען און זײַן ווײַב שיינע-שיינדל, וואָס איז געבליבן אין שטעטל כּתרילעווקע[8]. אָט זעט איר ווי אַזוי ער דערקלערט זײַן ווײַב וואָס עס טוט זיך אויף דער בערזע אין אָדעס.

*„... זאָלסט אָנקוקן, זוגתי היקרה[9], ווי אַזוי עס ווערן דאָ געמאַכט געשעפֿטן אויפֿן וואָרט, וואָלטסטו פֿאַרשטאַנען, וואָס הייסט אָדעס. אַ שאָקל[10] מיטן קאָפּ איז דאָ פּונקט ווי געמאַכט אַ קאָנטראַקט. איך גיי מיר אַרויס [...], קום אַרײַן אין אַ „קאַפֿיי"*, *זעץ מיך אַנידער בײַ אַ טישל און שאַף[11] מיר אַ גלעזל טיי, צי קאַווע, צי עפּעס אַנדערש. קומט צו גיין אַ מעקלער, [...] נעמט ער אַרויס דאָס ביכעלע און פֿאַרשרײַבט, אַז איך האָב בײַ אים צוויי „בעסן"*, *און איך נעם אַרויס און צאָל אים אָפּ די עטלעכע קערבלעך - מחיה ! און שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, אַז גאָט הייסט [...] קומט צו לויפֿן טאַקע דער אייגענער מעקלער און גיט שוין אַ פֿינף-און-צוואַנציקער פֿון אויבן, און נאָך שפּעטער [...] שטופּט ער אַ פֿופֿציקער, און אַז גאָט וויל [...], וואַקסט אָן אַ גאַנצער הונדערטער, און אַ מאָל קאָן געמאָלט זײַן[12], אַז טאַקע צוויי הונדערט, און אַ מאָל דרײַ הונדערט אויך, פֿאַר וואָס נישט ? דערויף איז דאָך עס אַ בערזע ! אַ בערזע איז אַ שפּיל, אַ גליקזאַך..."*

1. MENAKHEM ; 2. incarnation/embodiment ; 3. PARNOSE gagne-pain/ livelihood ; 4. SHADKHN marieur/matchmaker ; 5. AFILE même/even ; 6. MESHUGENER fou/madman ; 7. AVADE bien sûr/ of course ; 8. KASRILEVKE shtetl fictif de Sholem-Aleichem: fictional shtetl of Sholem Aleichem ; 9. ZUGOSI HAYEKORE ma chère femme/my dear wife ; 10. hochement/shake, nod ; 11. *ici* commande/*here* order ; 12. on peut imaginer/ it is conceivable.

## ווי אַזוי צו שפּילן אויף דער בערזע אין ייִדיש

**דער מאַרק (מערק)** - דאָרט ווּ מע קויפֿט און פֿאַרקויפֿט

**די בערזע** - דאָרט ווּ מע קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אַקציעס

**די אינוועסטירונג** - דאָס אַרײַנלייגן געלט און האָפֿן אַז ס'וועט ברענגען מער

**די ספּעקולאַציע** - דאָס נישט אַרײַנלייגן געלט און האָפֿן אַז ס'וועט ברענגען נאָך מער

**דער קורס** - וויפֿל די אַקציעס זענען ווערט

**דער שטײַג/דער אויפֿהייב/די „האָס"** - ווען די פּרײַזן גייען אַרויף

**דאָס פֿאַלן/די „בעס"** - ווען די פּרײַזן גייען אַראָפּ

**דער מעקלער** - דער וואָס קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אַקציעס

**דער קריזיס/דער קראַך/דער באַנקראָט** - דרײַ זאַכן וואָס טאָרן קיין מאָל ניט פּאַסירן

**דער ציקל** - דאָס וואָס הייבט זיך אָן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל...

# בעניאַמין פֿאָנדאַן דער קדוש[1]

## אין דעם פּאַריזער טעאַטער טורטור האָט מען פֿאָרגעשטעלט אין נאָוועמבער די פּאָעזיע פֿון בעניאַמין פֿאָנדאַן

בעניאַמין פֿאָנדאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאַס (רומעניע) אין 1898. אין 1923 האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז. דאָ האָט ער געשריבן אַ סך עסייען, לידער און פּאָעמעס אויף פֿראַנצייזיש. בשעת דער מלחמה האָט מען אים פֿאַרשיקט קיין אוישוויץ, פֿון וואַנען ער איז מער נישט צוריקגעקומען. זײַן פּאָעזיע איז געבליבן אין פֿאַרגעסעניש ביז 1996, ווען דער פֿאַרלאַג „פּאַריז-מעדיטעראַנע“ האָט ווידער אַרויסגעגעבן זײַן פּאָעטיש ווערק. אינעם טעאַטער טורטור, אויף גאַס קינקאַמפּואַ, האָבן אַן אַקטיאָר (איוו-זשאַק בואַן) און אַן אַקטריסע (חווה גריליקעז) מחיה-מתים געווען[2] בעניאַמין פֿאָנדאַנס פּאָעזיע דורך 12 פֿאָרשטעלונגען. זשאַק גראָבער זינגט מיט געפֿיל שיינע ייִדישע לידער, אַקאָמפּאַנירט פֿון מישאַ ניסימאָוו אויף דער האַרמאָניע[3].



דער ספּעקטאַקל הייסט „אייביק שרײַען ביז אַחרית-הימים“[4]. די ווערטער קלינגען זייער שטאַרק און דריקן אויס דעם כּוח, די מרידה[5] פֿון אַ מענטש וואָס האָט שטענדיק רעוואָלטירט קעגן אומגערעכטיקייט, עלנט[6] און ראַסיזם. דער ספּעקטאַקל ווײַזט די צווייִקייט פֿון דעם פּאָעט וואָס האָט געוואָלט לעבן, שרײַבן, אַרומפֿאָרן אין אַ וועלט וווּ ער האָט זיך תּמיד געפֿילט אַ פֿרעמדער.

אויף דער בינע - אַ מאַן און אַ פֿרוי. ער הייבט אָן צו רעדן. זי זיצט אין דער פֿינצטער. זי שטייט אויף און צינדט אָן די ליכט פֿון אַ חנוכּה-לאָמפּ. זי דערמאָנט דאָס לעבן אין דער היים אין רומעניע. זי רעדט פֿון דער נאַטור, פֿון די פּויערים און די אָקסן, פֿון די בעל-מלאָכות אין שטעטל. זי געדענקט די צאַרטקייט[7] פֿון דער היים אין די קינדער-יאָרן. זי דערמאָנט דעם שבתדיקן טיש מיט די זמירות[8], זי רעדט פֿונעם טאַטן וואָס פֿלעגט תּפֿילה טאָן. דאָ שעפּטשען[9] צוזאַמען די אַקטיאָרן און די מוזיקאַנטן „ווען איך פֿאַרגעס דיך, ירושלים... ה׳ אלוהנו, ה׳ אחד[10] !“ ווען זיי הערן אויף, הייבט אָן זשאַק גראָבער צו זינגען אַ רירנדיקן חסידישן ניגון. דערנאָך לעשט אויס דער אַקטיאָר, איינס נאָכן אַנדערן, די ליכט פֿונעם חנוכּה-לאָמפּ, עדות פֿון פֿאָנדאַנס קינדער-יאָרן. ס׳בלײַבט נאָר דער שמשׂ, דער שומר[11] פֿון זײַן זכּרון[12]. ער רעדט פֿון די פּאָגראָמען. ער מוז אַנטלויפֿן, פֿאָרן אין נײַע לענדער. ער חלומט פֿון אַ נײַער היים. ער האָט ליב שיפֿן, דעם ים, פּאָרטן מיט זייערע סודות. זעענדיק אַ מאָל טשאַרלי טשאַפּלינס פֿילם „דער עמיגראַנט“ האָט ער זיך שטאַרק אידענטיפֿיצירט מיט אים. ער פֿילט זיך אַן אייביקער עמיגראַנט. אַזוי ווי אוליסעס איז ער געפֿאָרן אַרום דער וועלט נאָר קיין מאָל נישט געפֿילט זיך אין דער היים, שטענדיק געווען עלנט. די ערד איז געווען אַ שטיפֿמאַמע, אים אַוועקגעשיקט פֿון איין אָרט צו אַן אַנדערן. ער איז געפֿאָרן קיין דרום-אַמעריקע. דאָרט זענען אים געפֿעלן געוואָרן די גרויסע פּאָרטן, די אומענדיקע פּאַמפּאַ, די אינדיאַנער וואָס זעען אים אויס אַזוי אַנאַכראָניסטיש. אָבער אויך דאָרטן האָט ער זיך געפֿילט פֿרעמד.



ער האָט זייער ליב געהאַט פֿראַנקרײַך מיט איר קולטור און איר שפּראַך. פּאַריז מיט אירע מאָנומענטן און אירע גאַסן האָט אים באַגײַסטערט.

בעניאַמין פֿאָנדאַן האָט אויסגעשריִען ביזן סוף זײַן כּעס קעגן די רדיפֿות[13]. ער שיקט אונדז אַ בשׂורה[14] פֿון פֿאַרברידערונג :

„געדענק נאָר אַז איך בין געווען אומשולדיק,<br>
אַז מײַן פּנים איז געקנייטשט געווען<br>
פֿון כּעס, פֿון שׂימחה און רחמנות.<br>
סתּם אַ פּנים פֿון אַ מענטש.“

1. KODEsh martyre/martyr ; 2. MEKhAYE MEYSIM ressusciter/bring back to life ; 3. accordéon/accordion ; 4. AKhRES HAYOMIM la fin des temps/the end of days ; 5. MERIDE rebellion ; 6. *ici* détresse/*here* misery ; 7. tendresse/tenderness ; 8. ZMIRES cantiques/Sabbath songs; 9. murmurent/whisper ; 10. ADONOY ELOHEYNU ADONOY EKhOD *mots du shema* : l'Eternel notre Dieu, l'Eternel est Un/*words of the Shema:* The Lord our God, the Lord is One ; 11. SHOYMER gardien/guardian ; 12. ZIKORN souvenir/memory ; 13. REDIFES persécutions/persecutions ; 14. PSURE message.

# בריוו אין רעדאַקציע

מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פֿון אַ לייענער וואָס שרײַבט אַז ער וווינט אין „**לוואָוו-לעמבערג**.“ וואָס הייסט ? ער וווינט אין צוויי ערטער ? ניין. מיר ווייסן אַז די שטאָט וואָס מיר פֿלעגן רופֿן **לוואָוו**, האָט אויף ייִדיש געהייסן (מיטן דײַטשישן נאָמען) **לעמבערג**. מיר ווייסן אַז זי האָט געהאַט אַן אַלטע און וויכטיקע ייִדישע קהילה[1] און אַז זי איז געווען איינע פֿון די גרויסע שטעט פֿון גאַליציע. און אַפֿילו די וואָס האָבן קיין מאָל נישט געזען **לעמבערג** פֿאַר די אויגן ווייסן אַז אויב מע קריגט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ אַרײַן זעט מען (לויטן ייִדישן אויסדרוק) „**קראָקע מיט לעמבערג**“. נאָר דאָס וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט איז אַז די זעלביקע שטאָט האָט נאָך אַ פּאָר נעמען אויך. הײַנט געהערט זי צו דער אומאָפּהענגיקער אוקראַיִנע און הייסן הייסט זי **לוויוו**. דערצו קומט דער באַרימטער בעל-לשון[2] ד״ר מרדכי שעכטער און זאָגט אַז כאָטש דער אַרויסרעד **לעמבערג** איז געוואָרן גאַנץ פֿאַרשפּרייט דורך דער ייִדישער פּרעסע, האָבן די ייִדן פֿון דער שטאָט גופֿא שטענדיק געזאָגט **לעמבעריק** (אָדער אַ וואַריאַנט **לעמבריק**) און אַז מיר וואָלטן געדאַרפֿט טאַקע זאָגן **לעמבעריק**.
ווי עס זאָל ניט זײַן, איז אונדז אָנגעקומען (שוין מיט אַ פּאָר חדשים צוריק) אַ בריוו פֿון אָט דער שטאָט, און מיר גיבן איבער דאָ אונטן אַ טייל, מיט אַ דאַנק דעם מחבר.

1. KEHILE communauté/community ; 2. BAL LOShN connaisseur de la langue/language expert.

## חשובֿע פֿרײַנד פֿון דעם ייִדישן טעם-טעם,

*אַ גרויס אײַך פֿון אַ ייִדישן זשורנאַליסט פֿון לוואָוו-לעמבערג. איצט בין איך אין קיִעוו אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון „ייִדיש און ייִדישקייט“, וואָס קומט בײַ אונדז פֿאָר שוין דאָס צווייטע מאָל. זיי זײַנען אָרגאַניזירט פֿונעם וועלטראַט פֿאַר ייִדישער קולטור וואָס איז טעטיק אין ישׂראל מיטן פּראָפֿ' גרשון ווײַנער בראָש[1].*
*עס זענען דאָ אָנגעקומען 150 דעלעגאַטן פֿון שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע, מאָלדאָווע, ווײַסרוסלאַנד, רוסלאַנד און פֿון פּוילן. [...] איך און מײַן בן-עיר[2] פֿון לוואָוו, דער שרײַבער אַלעקסאַנדער ליזען, שטעלן פֿאָר אונדזער שטאָט.*
*דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אײַער ייִדישער צײַטונג וואָס איר לאָזט אַרויס פֿאַר די ייִדיש-קענערס אין פֿראַנקרײַך און דערפֿאַר וויל איך אײַך באַגריסן. איך וויל אויך באַגריסן אײַערע לייענער און אײַך אַלעמען ווינטשן צום נײַעם יאָר 5758 אַ שנה-טובֿה.*

*אונדזער שטאָט לוואָוו, ווו איך לעב, איז געווען אַ גרויסער צענטער פֿון ייִדישער קולטור. עס האָבן דאָ געלעבט 130 טויזנט ייִדן. [בשעת דער מלחמה] פֿון 1939 אָן זענען דאָ געווען ביז 160 טויזנט. אומגעקומען זענען 136 800. מיט 5 יאָר*




*צוריק האָט מען זיי אויפֿגעשטעלט אַ גרויסן דענקמאָל. [...]*
*אין לוואָוו זענען געווען 3 טויטלאַגערס : די געטאָ (מיטן יודנראַט), יאַנאָווער לאַגער און ציטאַדעל. אַהער פֿלעגט מען ברענגען פֿיל ייִדן פֿון פֿיל שטעט און לענדער און ווײַטער אין קרעמאַטאָריעס אין בעלזשעץ.*
*איצט האָבן מיר אַ קהילה, אַ בית-כּנסת[3], אַן עזרה[4], אַ ביבליאָטעק, אַ צײַטונג „שופֿר“[5], אַ זונטיקשול, אַ סוכנות[6], אַ קולטור-צענטער מיט יוגנט-, פֿרויען-, קינדער- און ספּאָרט-אַקטיוויטעטן.*
*ס'גייט אַ גרויסע עמיגראַציע קיין ישׂראל, אַמעריקע, דײַטשלאַנד. פֿיל ייִדן זײַנען אַזוי-גערופֿענע „נײַע ייִדן“ פֿון געמישטע משפּחות.*
*שיקט אונדז צו אײַערע צײַטונגען און גיט צו וויסן אַלע וואָס שטאַמען פֿון גאַליציע אַז מיר לעבן.*
*מיט כּבֿוד,*
***באָריס דאָרפֿמאַן***

1. BEROSh présidé par/headed by ; 2. BEN-IR לאַנדסמאַן ; 3. BEYS KNESES שול ; 4. EZRE association d'aide mutuelle/self-help society; 5. SHOYFER; 6. SOKhNUT (ivrit) [bureau de l'] Agence Juive/[office of] the Jewish Agency.

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אַניק, ברוניד, גשיל, יצחק, אלכּה, נאַטאַליאַ, ניקי, רובי.

עטפֿער אויפֿן ווערטערשפּיל פֿון נומער 11
*די איבעריקע אותיות שאַפֿן דעם זאַץ :*
**ז ײַ ט ז ש ע ג ע ז ו נ ט !**

**דער ייִדישער טעם-טעם**
**אויף אינטערנעט : http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm**

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

**מעדעם-ביבליאָטעק**
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr